## ספֿר

# שִׁיר הַשִּׁירִים

א 1 דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען, וואָס פֿון שלמהן.
2 קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פֿון זײַן מויל;
וואָרום בעסער פֿון ווײַן איז דײַן ליבשאַפֿט.
3 ווײַל צום גערוך זײַנען דײַנע אײַלן,
געקלערטע בוימל איז דײַן נאָמען,
דרום האָבן יונגפֿרויען דיך ליב.
4 צי מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפֿן! –
זאָל דער מלך מיך ברענגען אין זײַנע קאַמערן,
מיר וועלן זײַן לוסטיק און פֿריילעך מיט דיר,
מיר וועלן לויבן דײַן ליבשאַפֿט
מערער פֿון ווײַן.
אמת ליב האָט מען דיך.
5 שוואַרץ בין איך, אָבער שיין,
טעכטער פֿון ירושָלַיִם,
ווי די געצעלטן פֿון קֵדָר,
ווי די פֿאָרהאַנגען שלמהס.
6 ניט קוקט מיך אָן וואָס איך בין שוואַרצלעך,
וואָרום די זון האָט מיך אָפּגעברענט.
די זין פֿון מײַן מוטער האָבן געצערנט אויף מיר,
זיי האָבן מיך געמאַכט אַ היטערין פֿון די ווײַנגערטנער;
מײַן אייגענעם ווײַנגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט.
7 זאָג מיר דו וועמען מײַן זעל האָט ליב,
וווּ פֿיטערסטו,
וווּ מאַכסטו הויערן אין מיטן טאָג?
וואָרום נאָך וואָס זאָל איך זײַן ווי אַן אַרומטרײַבערין
בײַ די סטאַדעס פֿון דײַנע חברים?

8 אויב דו ווייסט עס דיר ניט,
דו שענסטע פֿון פֿרויען,
גיי דיר אַרויס אין די טריט פֿון די שאָף,
און פֿיטער דײַנע ציקעלעך בײַ די פּאַסטוכגעצעלטן.
9 צו אַ פֿערדין אין פּרעהס רײַטוואָגן
האָב איך דיך געגליכן, געליבטע מײַן.
10 שיין זײַנען דײַנע באַקן אין די קייטלעך,
דײַן האַלדז אין די שנורן.
11 גילדערנע קייטלעך דיר וועלן מיר מאַכן, מיט פּינטלעך
פֿון זילבער.
12 בעת דער מלך איז געווען אויף זײַן הסב-בעט,
האָט מײַן נאַרד געגעבן זײַן ריח.
13 אַ בינטל מירע וואָס רוט צווישן מײַנע בריסט,
איז מײַן געליבטער מיר.
14 אַ הענגל ציפּערבלומען אין עֵין-גֶדיס ווײַנגערטנער
איז מײַן געליבטער מיר.

15 ביסט שיין, געליבטע מײַן, ביסט שיין,
דײַנע אויגן זײַנען טויבן.
16 ביסט שיין געליבטער מײַן, און ליבלעך,
גרין אויך איז אונדזער געלעגער;
17 אונדזערע הויזבאַלקנס צעדערן,
אונדזערע וואַנטברעטער ציפּרעסן.

## ב

1 איך בין אַ רויז פֿון שָׁרוֹן,
אַ ליליע פֿון די טאָלן.

2 ווי אַ ליליע צווישן די דערנער,
אַזוי איז מײַן געליבטע צווישן די טעכטער.
3 [ז [1158]] ווי אַן עפּלבוים צווישן די וואַלדביימער,
אַזוי איז מײַן געליבטער צווישן די זין.
אין זײַן שאָטן געלוסט איך צו זיצן,
און זיס איז זײַן פֿרוכט צו מײַן גומען.

4 ער האָט מיך געבראַכט אין דער ווײַנקאַמער,
און זײַן פֿאָן איבער מיר איז ליבשאַפֿט געווען.
5 לאָבט מיך מיט טרויבקוכנס,
קוויקט מיך מיט עפּל,
וואָרום קראַנק פֿון ליבשאַפֿט בין איך.
6 זײַן לינקע האַנט אונטער מײַן קאָפּ,
און זײַן רעכטע זאָל מיך אַרומנעמען.
7 איך באַשווער אײַך, טעכטער פֿון ירושָלַיִם,
בײַ די הירשן אָדער בײַ די הינדן פֿון פֿעלד,
אויב איר וועט וועקן
און אויב איר וועט אויפֿוועקן די ליבשאַפֿט,
ביז זי וועט באַגערן.
8 האָרך! מײַן געליבטער!
אָט-אָ קומט ער;
ער שפּרינגט איבער די בערג,
ער הופּט איבער די הייכן.
9 מײַן געליבעטער איז געגליכן צו אַ הירש,
אָדער צו אַ הינד אַ יונגן;
אָט-אָ שטייט ער הינטער אונדזער וואַנט,
ער קוקט דורך די פֿענצטער,
ער בליקט דורך די גראַטקעס.
10 האָט זיך אָפּגערופֿן מײַן געליבטער,
און געזאָגט צו מיר:
שטיי דיר אויף מײַן געליבטע,
מײַן שיינע, און קום דיר.
11 וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער,
דער רעגן איז פֿאַרגאַנגען, אַוועק.
12 די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד,
די צײַט פֿון געזאַנג איז געקומען,
און דער קָול פֿון דער טורטלטויב
לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד.
13 דער פֿײַגנבוים צײַטיקט זײַנע פֿריפֿײַגן,
און די ווײַנשטאָקן אין בליאונג גיבן אַ ריח

שטיי דיר אויף, מײַן געליבטע,
מײַן שײנע, און קום דיר.
14 מײַן טויב אין די שפּאַלטן פֿון פֿעלז,
אין דער פֿאַרבאָרגעניש פֿונעם באַרגטרעפּ,
לאָז מיך אָנזען דײַן פּנים,
לאָז מיך הערן דײַן קָול,
וואָרום דײַן קָול איז זיס,
און דײַן פּנים איז שײן.
15 כאַפּט אונדז די פֿיקס,
קלײנע פֿיקס וואָס פֿאַרדאַרבן די ווײַנגערטנער,
וואָרום אונדזערע ווײַנגערטנער זײַנען אין בליאונג.
16 מײַן געליבטער געהערט מיר,
און איך געהער אים,
דעם וואָס וואַנדערט
צווישן די ליליען.
17 ביז פֿאַרווייען וועט דער טאָג,
און אַנטרינען וועלן די שאָטנס,
דריי זיך אום, מײַן געליבטער,
און זײַ געגליכן צו אַ הירש,
אָדער צו אַ הינד אַ יונגן,
אויף די צעשפּאָלטענע בערג.

ג 1 אויף מײַן געלעגער בײַ נאַכט
האָב איך געזוכט דעם וואָס מײַן זעל האָט ליב;
איך האָב אים געזוכט,
און האָב אים ניט געפֿונען.
2 «לאָמיך אויפֿשטיין און אַרומגיין אין שטאָט,
אין די מערק און אין די גאַסן,
לאָמיך זוכן דעם וואָס מײַן זעל האָט ליב».
איך האָב אים געזוכט,
און האָב אים ניט געפֿונען.
3 האָבן מיר געטראָפֿן די וועכטער
וואָס גייען אַרום אין דער שטאָט:
דעם וואָס מײַן זעל האָט ליב

צי האָט איר געזען?
4 קוים בין איך אַוועק פֿון זיי,
באַלד האָב איך געפֿונען,
דעם וואָס מײַן זעל האָט ליב;
האָב איך אים אָנגענומען
און האָב אים ניט אָפּגעלאָזט,
[ז [1159]] ביז איך האָב אים געבראַכט
אין הויז פֿון מײַן מוטער,
און אין קאַמער פֿון מײַן געווינערין.
5 איך באַשווער אײַך, טעכטער פֿון ירושָלַיִם,
בײַ די הירשן אָדער בײַ די הינדן פֿון פֿעלד,
אויב איר וועט וועקן
און אויב איר וועט אויפֿוועקן די ליבשאַפֿט,
ביז זי וועט באַגערן.
6 ווער איז די וואָס גייט אויף פֿונעם מדבר,
אַזוי ווי זײַלן פֿון רויך,
באַרייכערט מיט מירע און ווײַרויך,
מיט אַלערליי ווירצשטויב פֿון קרעמער?
7 אָט איז דאָס בעט פֿון שלמהן,
זעכציק גיבוֹרים אַרום איר,
פֿון די גיבוֹרים פֿון ישׂראל;
אַלע באַגורט מיט אַ שווערד,
געניט אין מלחמה; איטלעך זײַן שווערד אויף זײַן דיך,
פֿון וועגן דער אַנגסט אין די נעכט.
8 אַ הימלבעט האָט זיך מלך שלמה געמאַכט
פֿון האָלצן פֿון לבָנוֹן;
9 אירע זײַלן האָט ער פֿון זילבער געמאַכט,
איר אָנלען פֿון גאָלד,
איר אויסבעט פֿון פּורפּל;
אינעווייניק געפֿלאַסטערט מיט ליבשאַפֿט
פֿון די טעכטער פֿון ירושָלַיִם.
10 גייט אַרויס, טעכטער פֿון ציוֹן,
און קוקט אָן מלך שלמה,
אין דער קרוין וואָס זײַן מוטער האָט אים באַקריינט,

אין טאָג פֿון זײַן חתונה,
און אין טאָג פֿון זײַן האַרצנפֿרייד.

ד [1] ביסט שיין, געליבטע מײַן, ביסט שיין,
דײַנע אויגן זײַנען טויבן
פֿון דײַן שלייער אַדורך;
דײַנע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן
וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פֿון באַרג גִלעָד.
[2] דײַנע ציין ווי אַ סטאַדע שאָף געטאָקטע,
וואָס קומען אַרויף פֿון געוועש,
וואָס צווילינגען זיך אַלע,
און ניטאָ קיין פֿאַרוואַרפֿערין צווישן זיי.
[3] ווי אַ רויט פֿאָדים זײַנען דײַנע ליפּן,
און דײַן מויל איז באַחנט;
ווי אַן אויפֿשניט מילגרוים איז דײַן שלייף
פֿון דײַן שלייער אַדורך.
[4] דײַן האַלדז ווי דער טורעם פֿון דוד,
אויף אָנצוקוקן געבויט –
טויזנט פֿאַנצערס הענגען אויף אים,
אַלע שילדן פֿון די גיבוֹרים.
[5] דײַנע צוויי בריסט ווי צוויי הירשלעך,
צווילינגס פֿון אַ הירשין,
וואָס פּיטערן זיך צווישן די ליליען.
[6] ביז פֿאַרווייען וועט דער טאָג
און אַנטרינען וועלן די שאָטנס,
וועל איך מיר גיין צום באַרג פֿון מירע,
און צום בערגל פֿון ווײַרויך.
[7] ביסט אין גאַנצן שיין, געליבטע מײַן,
און קיין פֿעלער איז אין דיר ניטאָ.
[8] מיט מיר פֿון לבָנוֹן, מײַן כּלה,
מיט מיר פֿון לבָנוֹן זאָלסטו קומען;
וועסט אַראָפּקוקן פֿון שפּיץ פֿון אֲמָנָה,
פֿון שפּיץ פֿון שׂניר און חרמון,

פֿון די וווינונגען פֿון די לייבן,
פֿון די בערג פֿון די לעמפּערטן.
9 האָסט סהאַרץ מיר געפֿאַנגען,
שוועסטער מײַן כּלה,
האָסט סהאַרץ מיר געפֿאַנגען
מיט איינעם פֿון דײַנע בליקן,
מיט איין שנור פֿון דײַנע האַלדזבענדער.
10 ווי שיין איז דײַן ליבשאַפֿט,
שוועסטער מײַן כּלה,
ווי בעסער דײַן ליבשאַפֿט פֿון ווײַן,
און דער ריח פֿון דײַנע אײלן,
פֿון אַלערליי בשׂמים!
11 האָניקזאַפֿט טריפֿן דײַנע ליפּן, מײַן כּלה,
האָניק און מילך איז אונטער דײַן צונג,
און דער ריח פֿון דײַנע קליידער
ווי דער ריח פֿון לבָנוֹן.
12 [ז [1160]] אַ פֿאַרשלאָסענער גאָרטן
איז מײַן שוועסטער מײַן כּלה,
אַ פֿאַרשלאָסענער ברונעם,
אַ פֿאַרחתמעטער קוואַל.
13 דײַנע צווײַגן – אַ סאָד מילגרוימען
מיט טײַערע פּרוכט,
ציפּערבלומען מיט נאַרדן;
14 נאַרד און זאַפֿראַן,
געווירצראָר און צימערינג
מיט אַלערליי ווײַרויכביימער,
מירע און אַלאָען
מיט אַלערליי געקליבענע בשׂמים.
15 אַ גאָרטנקוואַל,
אַ ברונעם לעבעדיקע וואַסער.
און פֿלוסן פֿון לבָנוֹן.
16 דערוועק דיך, צפֿון-ווינט,
און קום, דו דָרום-ווינט;
בלאָז אויף מײַן גאָרטן,

זײַנע בשׂמים זאָלן פֿליסן,
זאָל קומען מײַן געליבטער אין זײַן גאָרטן,
און עסן זײַן טײַערע פֿרוכט.

ה [1] איך בין געקומען אין מײַן גאָרטן,
שוועסטער מײַן כּלה,
געקליבן מײַן מירע מיט מײַנע בשׂמים;
געגעסן מײַן סאָט מיט מײַן האָניק,
געטרונקען מײַן ווײַן מיט מײַן מילך.
עסט, חברים,
טרינקט און באַרוישט אײַך מיט ליבשאַפֿט.
[2] איך שלאָף און מײַן האַרץ איז אויף;
האָרך! מײַן געליבטער קלאַפּט;
עפֿן מיר, מײַן שוועסטער, מײַן געליבטע,
מײַן טויב, מײַן אומשולדיקע,
וואָרום מײַן קאָפּ איז פֿול מיט טוי
מײַנע לאָקן מיט טראָפּנס פֿון נאַכט.

[3] איך האָב אויסגעטאָן מײַן העמדל,
ווי קען איך עס אָנטאָן?
איך האָב געוואַשן מײַנע פֿיס,
ווי קען איך זיי אײַנריכטן?
[4] האָט מײַן געליבטער אויסגעשטרעקט
זײַן האַנט דורכן טירלאָך,
און מײַנע אינגעווייד האָבן געברומט צו אים.
[5] בין איך אויפֿגעשטאַנען עפֿענען מײַן געליבטן,
און מײַנע הענט האָבן מירע געטריפֿט,
און מײַנע פֿינגער פֿליסיקע מירע
אויף די הענטלעך פֿון ריגל.
[6] איך האָב געעפֿנט מײַן געליבטן,
אָבער מײַן געליבטער איז פֿאַרשוווּנדן, אַוועק –
מײַן זעל איז אויסגעגאַנגען ווען ער האָט גערעדט צו מיר–
איך האָב אים געזוכט,
און האָב אים ניט געפֿונען,

איך האָב אים גערופֿן,
און ער האָט מיר ניט געענטפֿערט.
7 האָבן מיך געטראָפֿן די וועכטער
וואָס גייען אַרום אין דער שטאָט,
האָבן זיי מיך געשלאָגן,
האָבן זיי מיך פֿאַרוווּנדט;
אַראָפּגענומען מײַן מאַנטל פֿון מיר
האָבן די וועכטער פֿון די מויערן.
8 איך באַשווער אײַך, טעכטער פֿון ירושָלַיִם,
אַז איר וועט געפֿינען מײַן געליבטן,
וואָס איר זאָלט אים זאָגן:
אַז קראַנק פֿון ליבשאַפֿט בין איך.

9 וואָס איז דײַן געליבטער פֿאַר אַ געליבטער,
דו שענסטע פֿון פֿרויען?
וואָס איז דײַן געליבטער פֿאַר אַ געליבטער,
וואָס דו האָסט אַזוי אונדז באַשוואָרן?
10 מײַן געליבטער איז קלאָר און גערויטלט,
די פֿאָן פֿון צען טויזנט.
11 זײַן קאָפּ איז פֿײַן גינגאָלד,
זײַנע לאָקן געקרייזלט,
שוואַרץ ווי דער ראָב.
12 זײַנע אויגן ווי טויבן
בײַ בעכן פֿון וואַסער;
געבאָדן אין מילך,
אײַנגעזעצט אין פֿולן.
13 זײַנע באַקן ווי אַ בײַט בשׂמים,
ווי טורעמלעך געווירצן;
זײַנע ליפּן ליליען
וואָס טריפֿן פֿליסיקע מירע.
14 די הענט זײַנע גילדערנע וואַלצן
מיט גאָלדשטיין באַזעצט;
זײַן לײַב אַ שטיק עלפֿנבײַן
[ז [1161]] מיט סאַפּירן באַדעקט.

15 זייַנע שענקלען מירמלזייַלן
געגרונטפֿעסט אויף שוועלן פֿון גינגאָלד;
זייַן אָנבליק ווי דער לבָנוֹן,
אויסדערוויילט ווי די צעדערן.
זייַן גומען איז זיסקייַט,
און ער אין גאַנצן אַ גלוסטיקייַט.
דאָס איז מייַן געליבטער,
און דאָס איז מייַן חבר,
טעכטער פֿון ירושָלַיִם.

ו

1 וווּהין איז געגאַנגען דייַן געליבטער,
דו שענסטע פֿון פֿרויען?
וווּהין האָט זיך געקערט דייַן געליבטער,
אַז מיר זאָלן אים זוכן מיט דיר?
2 מייַן געליבטער האָט גענידערט צו זייַן גאָרטן
צו די בייַטן פֿון בשׂמים,
צו וואַנדערן אין די גערטנער
און אויפֿקלייַבן ליליען.
3 איך בין מייַן געליבטנס,
און מייַן געליבטער איז מייַן –
דער וואָס וואַנדערט צווישן די ליליען.
4 ביסט שיין, מייַן געליבטע, ווי תּרצָה,
ליבלעך ווי ירושָלַיִם,
פֿאָרכטיק ווי מחנות באַפֿאָנטע.
5 קער אַוועק דייַנע אויגן פֿון מיר,
וואָרום זיי האָבן מיך באַוועלטיקט.
דייַנע האָר איז ווי אַ סטאַדע ציגן
וואָס לאָזן זיך פֿון גִלעָד אַראָפּ.
6 דייַנע ציין ווי אַ סטאַדע שאָף
וואָס קומען אַרויף פֿון געוועש,
וואָס צווילינגען זיך אַלע,
און ניטאָ קיין פֿאַרוואַרפֿערין צווישן זיי.
7 ווי אַן אויפֿשניט מילגרוים איז דייַן שלייף,
פֿון דייַן שלייער אַדורך.

8 זעכציק די מלכּות,
און אַכציק די קעפּסווײַבער,
און יונגפֿרויען אָן זאָל.
9 איינע מײַן טויב, מײַן אומשולדיקע;
איינע איז זי בײַ איר מוטער,
אויסדערוויילט איז זי בײַ איר געווינערין.
טעכטער האָבן זי געזען און זי געלויבט,
מלכּות און קעפּסווײַבער – און זי גערימט:
10 ווער איז די וואָס קוקט אַרויס ווי דער פֿרימאָרגן,
שיין ווי די לבנה,
לויטער ווי די זון,
פּאָרכטיק ווי מחנות באַפּאָנטע?
11 צו דעם נוסגאָרטן האָב איך גענידערט,
צו באַקוקן די שפּראָצן פֿון טאָל,
צו זען אויב געבליט האָט דער ווײַנשטאָק,
אויב געצוויט האָבן די מילגרוימען.
ניט ווייסנדיק האָט מײַן זעל מיך געבראַכט
צו די רײַטוועגן פֿון מײַן פֿירשטלעכן פֿאָלק.

ז 1 קער צוריק, קער צוריק, שולַמית,
קער צוריק, קער צוריק,
מיר זאָלן דיך אָנקוקן.
וואָס וועט איר זען אין שולַמית?
אַזוי ווי אַ טאַנץ אין צוויי רייען.
2 ווי שיין דײַנע טריט אין סאַנדאַלן,
דו פֿירשטלעכע טאָכטער!
דײַנע רונדע דיכן ווי צירונג
געמאַכט פֿון די הענט פֿון אַ קינצלער.
3 דײַן נאָפּל אַ בעכער אַ רונדער;
עס פֿעלט ניט דער מישווײַן.
דײַן בויך אַ הויפֿן ווייץ
מיט ליליען באַזוימט.
4 דײַנע צוויי בריסט ווי צוויי הירשלעך,
צווילינגס פֿון אַ הירשין.

5 דײַן האַלדז ווי אַ טורעם פֿון עלפֿנביין;
דײַנע אויגן – די טײַכן אין חֶשבּוֹן
בײַם טויער פֿון בת-רַבּים;
דײַן נאָז ווי דער טורעם פֿון לבָנוֹן
וואָס קוקט צו דַמֶשֶׂק.
6 דײַן קאָפּ אויף דיר ווי דער כַּרמֶל,
[ז 1162] און די לאָקן פֿון דײַן קאָפּ אַזוי ווי פּורפּל;
אַ מלך איז אין די פֿלעכטן פֿאַרקניפּט.
7 ווי שיין ביסטו און ווי זיס ביסטו,
געליבטע, אין תּענוגים!
8 דערדאָזיקער וווּקס דײַנער
איז געגליכן צו אַ טײטלבוים,
און די בריסט דײַנע
צו הענגלעך טרויבן.
9 איך האָב געזאָגט:
איך וועל אַרויפֿגיין צום טײטלבוים,
און וועל אָננעמען זײַנע צווײַגן;
און דײַנע בריסט זאָלן זײַן
אַזוי ווי הענגלעך פֿון ווײַנשטאָק,
און דער ריח פֿון דײַן פּנים
ווי עפּל;
10 און דײַן גומען ווי ווײַן גוטער
וואָס גייט גלאַטיק אַראָפּ מײַן געליבטן,
וואָס מאַכט רעדן די ליפּן פֿון שלאָפֿיקע.
11 איך בין מײַן געליבטנס,
און צו מיר איז זײַן געלוסט.
12 קום, געליבטער מײַן,
לאָמיר אַרויסגיין אין פֿעלד,
לאָמיר נעכטיקן צווישן די ציפּערבלומען.
13 לאָמיר זיך פֿעדערן צו די ווײַנגערטנער,
לאָמיר זען אויב געבליט האָט דער ווײַנשטאָק,
אויב געעפֿנט האָבן זיך די קווײַטן,
אויב געצוויט האָבן די מילגרוימען;

דאָרטן וועל איך געבן מײַן ליבשאַפֿט צו דיר.
14 די ליבעפּעלעך גיבן אַרויס אַ ריח,
און פֿאַר אונדזערע טירן
זײַנען אַלערלײ טײַערע פֿרוכט,
נײַע און אַלטע,
וואָס איך האָב באַהאַלטן
פֿאַר דיר, מײַן געליבטער.

ח

1 הלוואַי ביסטו ווי אַ ברודער מײַנער
וואָס האָט די בריסט פֿון מײַן מוטער געזויגן!
איך וואָלט דיך געטראָפֿן אין גאַס, דיך געקושט,
און מע וואָלט מיך ניט פֿאַראַכט.
2 איך וואָלט דיך געפֿירט, דיך געבראַכט
אין הויז פֿון מײַן מוטער וואָס לערנט מיך;
דיר טרינקען געגעבן פֿון ווײַן געקאָכטן,
פֿון זאַפֿט פֿון מײַן מילגרוים.
3 זײַן לינקע האַנט אונטער מײַן קאָפּ,
און זײַן רעכטע זאָל מיך אַרומנעמען.
4 איך באַשווער אײַך, טעכטער פֿון ירושָלַיִם,
איר זאָלט ניט וועקן
און ניט אויפֿוועקן די ליבשאַפֿט,
ביז זי וועט באַגערן.
5 ווער איז די וואָס גייט אויף פֿונעם מדבר,
זיך טוליענדיק צו איר געליבטן?
אונטערן עפּלבוים האָב איך דיך אויפֿגעוועקט;
דאָרטן האָט דײַן מוטער געווײַטאָקט מיט דיר,
דאָרט האָט געווײַטאָקט די וואָס האָט דיך געבאָרן.
6 טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דײַן האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דײַן אָרעם,
וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפֿט,
האַרט ווי דער קבר די אײפֿערזוכט;
אירע פֿלאַמען זײַנען פֿלאַמען פֿײַער,
אַ פֿלאַקער פֿון גאָט.
7 גרויסע וואַסערן קענען ניט פֿאַרלעשן די ליבשאַפֿט,

און טײַכן װעלן זי ניט אַװעקפֿלײצן.
אַז אַ מענטש זאָל געבן פֿאַר ליבשאַפֿט
דעם גאַנצן פֿאַרמעג פֿון זײַן הויז,
פֿאַראַכטן אים װאָלט מען פֿאַראַכט.
8 אַ קלײנע שװעסטער האָבן מיר,
און זי האָט נאָך קײן בריסט ניט;
װאָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער שװעסטער
אין דעם טאָג װאָס מע װעט איר רעדן?
9 אויב זי איז אַ מויער,
װעלן מיר בויען אויף איר אַ זילבערנע מויערקרוין;
און אויב זי איז אַ טיר,
װעלן מיר זי פֿאַרשפּאַרן מיט צעדערברעטער.

10 איך בין אַ מויער,
און מײַנע בריסט װי די טורעמס;
דענסמאָל בין איך געװען אין זײַנע אויגן
אַזוי װי אַ קװאַל פֿון גליק.

11 אַ װײַנגאָרטן האָט שלמה געהאַט אין בעַל-הָמוֹן,
האָט ער געגעבן דעם װײַנגאָרטן צו היטער;
איטלעכער פֿלעגט ברענגען
[ז 1163] פֿאַר זײַן פּרוכט טויזנט זילבערשטיק.
12 מײַן אײגענער װײַנגאָרטן איז בײַ מיר.
די טויזנט זײַנען פֿאַר דיר, שלמה,
אָבער צװײ הונדערט פֿאַר די װאָס היטן זײַן פּרוכט.

13 דו װאָס זיצסט אין די גערטנער,
די חברים האָרכן אויף דײַן קָול,
לאָז מיך אים הערן.

14 אַנטלויף, געליבטער מײַן,
און זײַ געגליכן צו אַ הירש,

אָדער צו אַ הינד אַ יונגן,
אויף די בשׂמים-געבערג.

Copyright ©2002 Leonard Prager. All Rights Reserved.